ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# שבט מוסר
# במדבר

אידיש

**534**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ח לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק
# ארבעה ושלשים

## • במדבר •

אין דעם פרק ווערן געברענגט מוסר רייד פאַר די חזנים, שליחי ציבור, און די חיובים וואס ליגן אויף זיי.

דער הייליגער גאון וצדיק ר"ד הלל קאלאמייער זצ"ל האָט עדות געזאָגט אַז דער "שבט מוסר" האָט אים געמאַכט פאַר אַ מענטש, און אַזוי האָבן גרויסע צדיקים וקדושים אָנגעזאָגט זייערע קינדער צו לערנען שטענדיג אין דעם ספר, ווייל דאָס האָט זיי געברענגט צו דעם וואָס זיי זענען צוגעקומען.

בס"ד

# אינהאַלט

## פון פיר און דרייסיגסטער פרק


א. די מעלה פון די חזנים וואָס האָבן אין זינען צו דאַווענען פאַר דעם אויבערשטן, און אַ ספּעציעלע תפילה פאַר די חזנים ........ ג

ב. די מעלה פון אַ חזן איז נישט בלויז דער יחוס פון זיין משפחה ........ ד

ג. די שאַנד פון די חזנים וואָס פאַרקירצן זייער דאַווענען צוליב די מענטשן וואָס איילן זיך, אָבער זיי זענען מאריך מיט זינגען ביי ווערטער וואו מען טאָר נישט זינגען. ........ ד

ד. דער סדר ווי אַזוי דער חזן בייגט איין זיין קאָפּ ווען די כהנים זאָגן ברכת כהנים ........ ה

ה. אַ סאַך מעלות און גוטע מידות וואָס אַ חזן דאַרף האָבן, און דער גרויסער איסור און שטראָף פאַר דעם חזן וואָס האָט נישט די דאָזיגע מעלות. ........ ו

ו. די שאַנד פון די חזנים וואָס חנפ'ענען זיך צו די רייכע מענטשן, און פאַרשעמען די אָרעמעלייט. ........ ז

ז. דער חזן זאָל נישט מאריך זיין מיט זינגען די ניגונים,- ביז עס ווערט פאַרמיאוס'ט פאַר די מתפללים זייער זיצן אין די שוהל און זיי דערציילן איינער צום אַנדערן זייערע חלומות און אַנדערע נאַרישקייטן. ........ ח

ח. דער חזן זאָל טוהן זיין חזנות לשם שמים, נישט אַזוי ווי אַ פאַך צו האָבן פרנסה פון איר. ........ ט

ט. איידער דער חזן גייט-צו צום עמוד, זאָל ער מתפלל זיין אַז ער זאָל נישט געשטרויכלט ווערן, און אַז ער זאָל האָבן חן אין די אויגן פון דעם ציבור. ........ י

י. ווען מען לייענט אין דער תורה, זאָל דער בעל קורא נישט אין זינען האָבן אַז די צוהערער זאָלן זען ווי ער איז בקי אין די טעמי המקרא, וכו'. ........ י

יא. אויב עס איז דאָ אַ חולה ח"ו, זאָל דער חזן מתפלל זיין פאַר אים. ........ יא

יב. דער מענטש זאָל זיך נישט פרייען מיט דער באַלוינונג וואָס ער באַקומט באַצאָלט פאַר זיין חזנות, און דער מענטש זאָל נישט גיין באַזוכן נאָר די רייכע מענטשן און נישט די אָרעמעלייט. ........ יא

יג. ווי אַזוי עס זעט אויס אַן ערליכער שליח ציבור - פון טור אורח חיים. ........ יב

יד. אַ מעשה מיט אַ מענטש וואָס האָט געמאַכט תנועות מיט זיין האַנט ביים דאַווענען, און אַ רב האָט אים אָפּגערעדט פון טוהן אַזוי, און מען האָט דעם רב דערנאָך שטאַרק דערשראָקן אין חלום צוליב דעם. ........ יג

טו. די מעלה פון אַ חזן וואָס איז געוואָרן אַלט, און זאָגט אַליין, אַז דער ציבור זאָל באַשטימען אַ נייעם חזן אויף זיין אָרט. ........ יד

טז. אַ תפילה וואָס דער חזן זאָל בעטן אַז זיינע תפילות זאָלן אָנגענומען ווערן ........ יד

יז. אַ תפילה וואָס דער חזן זאָל זאָגן ווען מען באַשטימט אים אַלס שליח ציבור ........ יז

יח. ביים דאַווענען זאָל דער חזן אין זינען האָבן, ס'זאָל פאַרגעבן ווערן די זינד פון זיינע צוהערער, און משפיע צו זיין אויף זיי אַ סאַך השפעות טובות וכו', אַזוי ווי דער כהן וואָס איז מקריב קרבנות. ........ יח

# פרק ארבעה ושלשים

## די מעלה פון די חזנים וואָס האָבן אין זינען צו דאַווענען פאַר דעם אויבערשטן, און אַ ספּעציעלע תפילה פאַר די חזנים.

**א. יהיו הדברים,** עס זאָלן זיין די דאָזיגע רייד און געבאָטן, אויף דעם חיוב וואָס איז אַרויפגעוואָרפן אויף די חזנים. און פריער וועלן מיר ברענגען וואָס דער "**קיצור של"ה**" שרייבט, און אָט איז זיין לשון:

**ב. שמעתי,** איך האָב געהערט אַ רמז אויף דער מעלה פון דעם שכר פון די חזנים וואָס דאַווענען לשם שמים, און אויב חס וחלילה זייער כוונה איז נישט לשם שמים איז זייער עונש זייער גרויס. עס שטייט אין פסוק "**צדיק כתמר יפרח**", די אותיות פון סוף פון די ווערטער זענען "**קרח**". "**יפרח כארז בלבנון**", די אותיות פון סוף פון די ווערטער זענען "**חזן**". דאָס מיינט צו זאָגן, אַז אויב די כוונה פון דעם חזן איז לשם שמים, וועט ער בליען ווי אַ טענען בוים אין וואַלד לבנון, ער וועט זוכה זיין צו זען די שכינה, און וועט האָבן אַ חלק לעולם הבא, און אויב נישט, וועט ער זיין ווי קֹרח, חס וחלילה.

**ג. על כן,** דעריבער דאַרף יעדער חזן מתפלל זיין די תפילה, אַז דער יצר הרע זאָל אויף אים נישט געוועלטיגן, וואָס ער רעדט אים אָן אַז ער זאָל דאַווענען כדי צו געפינען חן ביי מענטשן, און דורך דעם דאַווענט ער נישט לשם שמים.

**ויתפלל,** און די תפילה זאָל ער מתפלל זיין פאַרן דאַווענען, און ער זאָל אין דער תפילה זיך כולל זיין מיט אַלע אידישע חזנים, כדי זיין תפילה זאָל זיין אַ תפילת רבים, וועט זי בעסער אָנגענומען ווערן. (דעם נוסח התפילה זאָל ער זאָגן אויף לשון הקודש).

## תפילה בלשון הקודש

**יהי** רצון מלפניך ה' אלהי ואלהי אבותי, היה נא עמי ועם כל חזני ושלוחי עמך בית ישראל. הורם מה שיאמרו, הבינם מה שידברו, ידעם מה שישאלו. שלא יכשלו בלשונם, ושלא יכלמו בם שאונם, ואל יאמרו דבר שאינו הגון שלא כרצונך. ושלא יהרהרו בתפלתם מחשבת חוץ. ואל יחר גרונם. ותן להם אמיצות כח ובר לבב וכח להפליא על עבודתם עבודת הקודש מלאכת שמים, שלא יכשל כח הסבל. ואל יהיה להם רפיון ידים. וישלוט בהם יצר טוב, ולא ישלוט בהם יצר הרע. ותן בלבם אהבתך ויראתך לעמוד לפניך ולשרתך ולשורר ולברך בשמך. ויהיה עבודתם לשם שמים בלב שלם. יהיו לרצון אמרי פי והגיון לבי לפניך ה' צורי וגואלי. אמן וכן יהי רצון.

## די מעלה פון אַ חזן איז נישט בלויז דער יחוס פון זיין משפחה

**ד. כתב,** דער טורי זהב שרייבט אין נאָמען פון דעם רא"ש ז"ל, די מעלה פון אַ חזן ווענדט זיך נישט אין יחוס, ווייל ווען איינער איז אַ צדיק פון אַ נידעריגע משפחה איז בעסער אים צו נעמען פאַר אַ חזן, איידער איינעם וואָס איז נישט קיין צדיק, ווען ער איז אַפילו אַ גרויסער מיוחס, ווייל דער אויבערשטער ברוך הוא וויל נאָר דאָס האַרץ פון דעם מענטשן, אָבער אַז ביידע זענען גלייכע צדיקים, איז אַוודאי בעסער צו נעמען דעם וואָס איז אַ מיוחס, ווייל עס איז נישט גלייך די תפילה פון אַ צדיק בן צדיק, צו דער תפלה פון אַ צדיק בן רשע.

## די שאַנד פון די חזנים וואָס פאַרקירצן זייער דאַווענען צוליב די מענטשן וואָס איילן זיך, אָבער זיי זענען מאריך מיט זינגען ביי ווערטער וואו מען טאָר נישט זינגען.

**ה. גם,** אויך מוז דער חזן דאַווענען מילה במילה, וואָרט ביי וואָרט געלאַסן, און ער זאָל אינזינען האָבן די טייטש פון די

ווערטער. און ער זאָל זיך נישט רעכענען די מענטשן וואָס הייסן אים דאַווענען שנעל כדי זיי זאָלן נישט זיין לאַנג אין דער שוהל, ווייל די שוהל איז ביי זיי ווי אַ תפיסה.

**ו. כי,** ווען דער חזן דאַווענט שנעל, קען ער נישט מכוון זיין די ווערטער וואָס ער זאָגט, און די מענטשן וואָס האָבן מורא פאַר דעם אויבערשטן צו דאַווענען מיט כוונה מוזן אויך דאַווענען שנעל, צוליב דעם וואָס דער חזן דאַווענט שנעל.

**ז. כי,** דער חזן וואָס דאַווענט לאַנגזאַם, און מיט ישוב הדעת, וועט זיין שכר זיין זייער גרויס אויף דער וועלט, ער וועט לאַנג לעבן מיט זיסקייט, און אויף יענער וועלט וועט ער זוכה זיין צו זען אין דער זיסקייט פון דעם אויבערשטן ברוך הוא.

**ח. וכן,** און אַזוי אויך זאָלן די חזנים געוואָרנט זיין, אַז זיי זאָלן נישט מאריך זיין מיט זינגען אינמיטן אַ וואָרט, נאָר זיי זאָלן זאָגן אינאיינעם די ווערטער. די ווערטער געהערן איינער צום אַנדערען, לויט דעם פירוש פון דעם ענין, דערנאָך זאָלן זיי זינגען.

**ט. וכן,** אויך זאָלן זיי נישט אויסציען דאָס געזאַנג אין דעם וואָרט "אמן" נאָר לויט דעם שיעור וואָס ער זאָל קענען זאָגן "א-ל מלך נאמן", ווייל דאָס וואָרט "אמן" איז די ראשי תיבות פון די ווערטער "א-ל מלך נאמן".

## דער סדר ווי אַזוי דער חזן בייגט איין זיין קאָפּ ווען די כהנים זאָגן ברכת כהנים

**י. יש,** מען דאַרף וואָרענען די חזנים, וועגן דעם וואָס עס שטייט אין זוהר הקדוש פרשת נשא, אַז ווען ער זאָגט ברכת כהנים, בשעת ער זאָגט "**יברכך ה'**" זאָל ער נייגן זיין קאָפּ קעגן דעם היכל, און אַז ער זאָגט "**וישמרך**", זאָל ער אויפהייבן זיין פנים צו נייגן זיך אויף זיין רעכטער זייט. ווען ער זאָגט "**יאר ה'**" זאָל ער נייגן זיין קאָפּ

קעגן דעם היכל, און ווען ער זאָגט "**ויחונך**" זאָל ער נייגן זיין קאָפּ קעגן זיין לינקע זייט, און ווען ער זאָגט "**שלום**" זאָל ער זיך נייגן צו אינמיטן.

**יא. ואם,** און אויב דער חזן קוקט פריער בשעת ברכת כהנים אויף דער לינקער זייט, דערוועקט ער, חס וחלילה, מדת הדין אויף דעם ציבור, און דער חזן מוז מיט זיין דאַווענען ברענגען מדת החסד, די גענאַדען פון דעם אויבערשטן אויף דעם ציבור, און אויב דער חזן טוט נישט אַזוי האָט ער אַ גרויסע שטראָף דערפאַר.

**אַ סאַך מעלות און גוטע מידות וואָס אַ חזן דאַרף האָבן, און דער גרויסער איסור און שטראָף פאַר דעם חזן וואָס האָט נישט די דאָזיגע מעלות.**

**יב. וצריך,** דער חזן טאָר נישט פיינט האָבן קיין שום מענטש, כאָטש אַפילו יענער האָט אים געטאָן שלעכטס.

**יג. לכן,** דעריבער מוז דער חזן האָבן אין זיך די דאָזיגע מִדות: ער זאָל זיין אַ וותרן, און ער זאָל זיך נישט מצער זיין וואו ער וועט נעמען שפייז אויף מאָרגן. ער זאָל זיין אַ מעביר על מידותיו, און זאָל מוחל זיין דעם וואָס פאַרשעמט אים, ער זאָל זיין אַן עניו, און ער זאָל האָבן אַ גוט האַרץ, און ער זאָל זיין פריילעך. און דער טעם איז, ווייל דורך דעם וואָס ער איז אַ וותרן, וועט ער קיינמאָל נישט פיינט האָבן קיין שום מענטש וואָס וויל אים נישט געבן, ווייל ביי אַ וותרן איז אַלץ גערעכנט פאַר גאָרנישט.

**יד. גם,** אויך אַז ער זאָרגט נישט אויף דעם מאָרגנדיגן טאָג, ווען ער בעט פון קהל מען זאָל אים געבן זיין געברויך, און זיי געבן אים נישט, איז ער פונדעסטוועגן נישט ברוגז אויף זיי, אַבי ער האָט די פרנסה כאָטש אויף איין טאָג.

**טו. גם,** אויך אַז ער איז אַן עניו, ווען אַפילו מען זידלט אים אַרט עס

אים נישט, און דעריבער האָט ער קיינעם נישט פיינט.

**טז. גם,** אויך אַז ער האָט אַ פריילעך האַרץ, באַגנוגענט ער זיך מיט וואָס עס איז וויכטיג, און ער פרייט זיך מיט דעם וואָס דער אויבערשטער ברוך הוא האָט אים באַשערט, און איז נישט קיין אומפאַרגינער און קיין בעל לשון הרע, און קיין בעל גאוה, און קיין בעל קנאה. ווייל די דאָזיגע מידות ברענגען דעם מענטש ער זאָל פיינט האָבן יעדן מענטש וואָס איז גרעסער פון אים.

**יז. ואע"פ,** און כאָטש די אַלע זאַכן זענען דאָך אסור צו יעדן מענטש, און ער מוז זיך פון זיי זייער דערווייטערן, און בפרט פון דער מידה פון גאווה און קנאה דאַרף ער זיך אַוודאי דערווייטערן. אָבער דער וואָס איז אַ חזן, דער דאַרף זיך דאָפּלט מער דערפון דערווייטערן, און זיין שטראָף איז דאָפּעלט פון אַן אַנדערן מענטש, ווייל די מידות זענען מבלבל זיין כוונה, צו טראַכטן מחשבות אינמיטן דאַווענען.

**יח. גם,** אויך אַז דער חזן איז פריילעך און האָט אַ גוט האַרץ, ברענגט עס אַז דער רוח הקודש זאָל רוען אויף אים בשעת'ן דאַווענען, און ער ציט דורך זיין תפילה שפע און ברכה, און רצון, און דורך דעם וועט די ברכה רוען אויף דעם קהל.

## די שאַנד פון די חזנים וואָס חנפ'ענען זיך צו די רייכע מענטשן, און פאַרשעמען די אָרעמעלייט.

**יט. גם,** אויך אַז דער חזן מאַכט אַ "מי שברך" אויף שמחות, זאָל ער נישט אַ סאַך זינגען בשעת ער זאָגט דעם "מי שברך" פון דעם עושר, ווי דער מנהג איז אויף אַ סעודת מצוה, און ביי דעם "מי שברך" פון די אָרעמעלייט וועט ער גאָר ווייניג זינגען, און שנעל, און איינשלינגען די נעמען פון די אָרעמעלייט, גלייך ווי זיי האָבן נישט קיין נאָמען. זאָל ער נישט טוהן אַזוי, ווייל דעמאָלט ווערן די אָרעמעלייט פאַרשעמט צווישן אַ סאַך מענטשן, און דער וואָס איז מבייש זיין חבר

צווישן אַ סאַך מענטשן, דער האָט נישט קיין חלק לעולם הבא, און ווי איז צו דעם קהל וואָס עס איז זיי מוציא אַ חזן, וואָס האָט קיין חלק נישט לעולם הבא.

**כ. וכן,** און אויך קענסטו זען אַ סאַך חזנים וואָס גייען נישט צו די אָרעמעלייט, הן אויף זייערע שמחות, אָדער צום מנין אויף זייער אבילות ל״ע, נאָר זיי שיקן אויף זייער אָרט שלוחים צו די אָרעמעלייט, אַזוי ווי דער מלאך המוות, וואָס שיקט שלוחים מזיק צו זיין מענטשן, און דאָס טוט דער חזן ווייל ער זאָגט, וואָס וועל איך האָבן פון דעם אָרעמאַן, אָבער אַז עס טרעפט זיך אַ שמחה אָדער אַן אבילות ל״ע ביי אַן עושר שטייען זיי אויף גאַנץ פרי און לויפן אין דער פינסטער, צו דערצערענען זייער באַשעפער, ווייל ווען אויף די ערטער וואו זיי גייען זענען דאָ אָרעמעלייט אבלים, און זוכן איינעם צו מנין, ווילן זיי נישט הערן, כדי גיך צו קומען צו דעם עושר צו קלאָגן אויף זיין מת, זייער קול מאַכן זיי מיט געוויין, און זייער האַרץ פרייט זיך, ווייל זיי טראַכטן וועגן דעם שכר וואָס זיי וועלן דערפאַר נעמען, און דער עושר ווייסט דאָך אַז עס איז דאָ אין שטאָט אָרעמע אבלים, און זיי גייען נישט צו די אָרעמעלייט נאָר צו אים, ווייל ער איז אַן עושר, און דורך דעם ווערן זיי ביי אים פאַרשעמט, ער גיט זיי ווייניג, און זיי צעטיילן זיך, קומט אָן פאַר יעדן איינעם פון זיי אַ פרוטה ווי זיי וואָלטן גענומען ביי דעם אָרעמאַן. אַזוי פאַרלירן זיי דער וועלט און יענער וועלט.

**דער חזן זאָל נישט מאריך זיין מיט זינגען די ניגונים, ביז עס ווערט פאַרמיאוס׳ט פאַר די מתפללים זייער זיצן אין די שוהל און זיי דערציילן איינער צום אַנדערן זייערע חלומות און אַנדערע נאַרישקייטן.**

**כא. גם,** אויך זאָל דער חזן זען, אַז קיין מענטש זאָל נישט פאַר׳מיאוס׳ט ווערן זיין זיצונג אין שוהל צוליב דעם וואָס

דאָס דאַווענען פאַרשפעטיגט זיך, ווייל עס זענען דאָ אַ סאַך מענטשן וואָס דאָס לאַנגע זיצן אין שוהל איז פאַר זיי שווער, גלייך ווי אין דער תפיסה, ווייל דאָס דאַווענען דויערט זייער לאַנג, וואָס דער חזן זינגט זייער אַ סאַך.

**כב. לכן,** דעריבער זאָל דער חזן נישט פאַרברענגען צייט מיט זינגען אַ סאַך, און דערווייל דערציילט איינער דעם אַנדערן זיין חלום, און צווישן קדיש און ברכו איז ער מפסיק, און דערווייל גייט אַוועק די צייט, און אַז ער הייבט אָן צו דאַווענען פאַר׳מיאוס׳ט ער זיך פון איר, און צוליב דעם צער וואָס ער האָט וואָס ער זיצט דאָרט אַזוי לאַנג קערט ער אַוועק זיין פנים, און עפענט נישט זיין מויל אַפילו צו ענטפערן. דעריבער זאָל דער חזן נישט צופיל זינגען, נאָר ער זאָל דאַווענען שטאָט וואָרט ביי וואָרט.

## דער חזן זאָל טוהן זיין חזנות לשם שמים, נישט אַזוי ווי אַ פאַך צו האָבן פרנסה פון איר.

**כג. וגם,** איך קענסטו זען נאָך א שלעכטע זאַך, אַז ווייל דער חזן ווערט מיד צוליב צופיל זינגען אַז ער קומט צו אַזאַ אָרט וואו מען זינגט נישט, זאָגט ער גאַנץ שנעל, כדי צו דערגרייכן צו דעם אָרט וואו מען דאַרף זינגען, כדי צו מאַכן הערן זיין קול.

**כד. וזה,** און דאָס איז ביים חזן אין האַנט צו פאַרריכטן, כדי ער זאָל נישט שטרויכלען אַנדערע מענטשן. און כדי דער חזן זאָל נישט קומען צו דער שטרויכלונג, זאָל ער נישט מאַכן די ״חזנות״ אַזוי ווי אַ פאַך וואָס אַ מענטש שפייזט זיך דערפון, נאָר ער זאָל טוהן די זאַך לשם שמים, אַזוי ווי ער וואָלט עס געטוהן פאַר אומזיסט, ווען מען וואָלט אים געבעטן עס צו טאָן.

**איידער דער חזן גייט-צו צום עמוד, זאָל ער מתפלל זיין אַז ער זאָל נישט געשטרויכלט ווערן, און אַז ער זאָל האָבן חן אין די אויגן פון דעם ציבור.**

**כה. גם,** איידער דער חזן גייט דאַווענען פאַרן עמוד, זאָל ער פריער מתפלל זיין, אַז קיין מכשול זאָל נישט קומען דורך אים, אַז דורך אים זאָל קיינער נישט מפסיק זיין אינמיטן דאַווענען, און דער שטן זאָל נישט מקטרג זיין אויף דער תפלה, און דער אויבערשטער ברוך הוא זאָל אים געבן אַ שיין לשון, ער זאָל נישט פאַרפעלן אַן אות פון זיין תפילה, ווייל דעם נוסח פון דאַווענען האָבן די אנשי כנסת הגדולה מתקן געווען, און אין דעם זענען דאָ אַ סאַך שמות הקדושים. דעריבער זאָל ער נזהר זיין אַז ער זאָל נישט דאַווענען אויסנווייניג, נאָר פון דעם סידור, כדי ער זאָל נישט איבערהיפּערן ח״ו איין וואָרט.

**כו. גם,** אויך זאָל ער מתפלל זיין, אַז זיין תפילה זאָל זיין באַליבט ביי יעדן איינעם וואָס וועט זי הערן פון זיין מויל.

**כז. וטוב,** און עס איז גוט, אַז איידער דער חזן שטעלט זיך דאַווענען, זאָל ער זאָגן צען מאָל דעם פסוק **״ונח מצא חן בעיני ה׳״**, און דאָס העלפט זייער אַסאַך צו חן.

**ווען מען לייענט אין דער תורה, זאָל דער בעל קורא נישט אין זינען האָבן אַז די צוהערער זאָלן זען ווי ער איז בקי אין די טעמי המקרא, וכו׳.**

**כח. גם,** אויך ווען ער לייענט אין דער ספר תורה, זאָל ער זיך פאָרשטעלן, גלייך ווי דער באַלעמער וואָס ער שטייט אויף אים איז דער באַרג סיני, און ער איז מקבל די תורה פון דעם באַרג סיני, און גלייך ווי דער אויבערשטער ברוך הוא איז דאָרט מיט זיין גאַנצע פמליא, אַזוי ווי בשעת מתן תורה, און גלייך ווי ער איז משה רבינו עליו השלום וואָס זאָגט די תורה, און דאָס גאַנצע קהל שטייט אַרום דעם באַרג סיני צו הערן תורה פון זיין מויל, און דורך דעם גייט אַריין מורא

אין זיין האַרץ, און איז מכוון אין זיין לייענען, ער זאָל נישט איבערהיפּערן קיין שום וואָרט, און זיין כוונה זאָל נישט זיין צו ווייזן דעם קהל ווי גוט ער קען לייענען און אַז ער איז בקי אין די טראָפּ, נאָר ער זאָל טאָן לשם שמים.

**אויב עס איז דאָ אַ חולה ח״ו, זאָל דער חזן מתפלל זיין פאַר אים.**

**כט. עוד,** אַז אַ מענטש איז נישט געזונט ח״ו, דאַרף דער חזן מכוון זיין ביי די שמונה עשרה, אין דער ברכה פון "**רפאינו**", צו בעטן דעם אויבערשטן ער זאָל אים שיקן אַ רפואה, ווייל אונזערע חכמים זכרונם לברכה האָבן געזאָגט אַז די תפילה פון דעם חולה אַליין העלפט זייער שטאַרק, און די תפילה וואָס דער חזן איז מתפלל פאַר דעם חולה איז גלייך ווי דער חולה אַליין איז מתפלל.

**דער מענטש זאָל זיך נישט פרייען מיט דער באַלוינונג וואָס ער באַקומט באַצאָלט פאַר זיין חזנות, און דער מענטש זאָל נישט גיין באַזוכן נאָר די רייכע מענטשן און נישט די אָרעמעלייט.**

**ל. גם,** אויך אויב דער חזן זעט, אַז ביי איינעם איז געבוירן געוואָרן אַ בן זכר זאָל ער זיך פרייען, און ער זאָל געבן אַ לויב צו דעם אויבערשטן וואָס די מענטשן – וואָס זענען יוצא דאָס דאַווענען דורך אים – האָבן קינדער, זיי מערן זיך, און ער זאָל זיך נישט פרייען צוליב דעם געלט וואָס ער וועט מאַכן אום שבת דורך דעם.

**לא.** אויך דער חזן וואָס חנפ׳עט די עשירים איז עס פאַר אים אַ בזיון און חרפה, ווייל דער שליח ציבור וואָס אַסאַך מענטשן זענען אָנגעוויזן אין אים, ער זאָל זיי מוציא זיין מיט זיין תפילה, דאַרף ער זיין ווי אַ האַר, אַן עניו, וואָס גרויסע און קליינע זענען גלייך פאַר אים. נישט ווי אַ קנעכט, וואָס מוז חנפ׳ענען זיין האַר. וויי איז צו דער בושה, און ווי פיל ביוש און שטראָף אויף עולם הבא עס דערגרייכט ח״ו צו די

קהילה וואָס האַלט אַזאַ חזן, נאָר דער חזן מוז זיין אַן עניו און אַ שפל, און אַ מעביר על מדותיו, און ער זאָל מוחל זיין דעם וואָס זידלט אים, און ער זאָל האָבן אַ גוט הארץ, און ער זאָל זיך פרייען מיט דעם גוטס פון זיין חבר. ער זאָל זיין ווייט פון אַ שלעכט אויג, און פון לשון הרע, און ער זאָל זיין גאַנץ אין גוטע מידות, און זאָל זיין אָנגענומען ביי מענטשן, און מרוצה צו יעדן איינעם. דורך אַזאַ מענטש איז דער אויבערשטער ברוך הוא מכפר די זינד פון דעם גאַנצן קהל.

**לב. ואע״פ**, און כאָטש אפילו אויב ער איז נישט קיין גרויסער תלמיד חכם, אָבער וויבאַלד ער איז אַ ירא שמים, און האָט אין זיך גוטע מידות, איז געוונג אַז דער קהל זאָל באַקומען אַ פאַרגעבונג דורך אים.

**לג.** אָבער אויב דער חזן איז נישט אַזאַ ירא שמים, איז עס געגליכן צו אַ קהל וואָס האָבן געדאַרפט איבערבעטן דעם קעניג, האָבן זיי געשיקט איבערבעטן דורך אַזאַ מענטש וואָס דער קעניג האָט אים פיינט. נו, ווערט דאָך דער קעניג אַוודאי נאָך מער ברוגז אויף זיי.

## ווי אַזוי עס זעט אויס אַן ערליכער שליח ציבור – פון טור אורח חיים

**לד. וכתב**, דער **״טור אורח חיים״** שרייבט: ווער איז ראוי צו זיין אַ חזן? דער וואָס איז ליידיג פון עבירות, און איז ביי זיך אַ שפל, ער האַלט זיך נידעריג, און ער איז מרוצה, באַוויליגט צום קהל, און ער האָט אַ זיס קול, און ער לערנט תורה, נביאים, כתובים, און אויב מען געפינט נישט איינעם מיט די אַלע מידות, זאָל מען נעמען דעם בעסטן פון עולם.

**לה. וא״א**, און דער רא״ש זכרונו לברכה שרייבט, אַז די קהילות וואָס זענען זיך נוהג אויפצונעמען אַ חזן פון אַ געמיינע משפחה, איז דאָס אַ בזיון מצוה, גלייך ווי עס איז נישט פאַסיג פאַר די מיוחסים צו זיין חזנים, און חלילה אַז די מלאכת ה׳ זאָל זיין מבוזה.

**לו. גם,** אויך, אויב ער איז אַ מיוחס און אַ רשע, וואָס העלפט פאַר דעם אויבערשטן זיין יחוס, און אויב ער איז פון אַ משפחה בזויה, און איז אָבער אַ צדיק, דעם מעג מען אויפנעמען פאַר אַ חזן. נישט ווי מען טוט אין אַ טייל שטעט, אַז כאָטש אַפילו דער צדיק איז נישט אַזוי אָרנטלעך, אַרט זיי נישט, אַבי ער קען שיין זינגען. און דער אויבערשטער ברוך הוא זאָגט דערויף: "**נתנה עלי בקולה, על כן שנאתיה**", – זיי האָבן געגעבן אויף מיר זייער קול, דעריבער האָב איך זיי פיינט.

## אַ מעשה מיט אַ מענטש וואָס האָט געמאַכט תנועות מיט זיין האַנט ביים דאַווענען, און אַ רב האָט אים אָפגערעדט פון טוהן אַזוי, און מען האָט דעם רב דערנאָך שטאַרק דערשראָקן אין חלום צוליב דעם.

**לז. ואני,** און איך האָב געהערט פון ר׳ אברהם אפומאד״ו ז״ל, אַז עס איז געווען אין דער שטאָט ברוסה אַן אַלטער חזן, וואָס ווען ער האָט געלייענט אין דער תורה, האָט ער געמאַכט תנועות מיט זיין האַנט.

**לח. פעם,** איין מאָל איז דאָרט געקומען אַ רב, און האָט אים דערפון אָפגעהאַלטן, האָט מען אים געמאַכט דערשרעקן אין חלום, און מען האָט אים געזאָגט, איין מענטש איז געווען וואָס האָט מכבד געווען דעם אויבערשטן ברוך הוא, האָסטו אים דערפון פאַרמיטן.

**מִיַד,** אינדערפרי איז דער רב געגאַנגען צום חזן, און האָט אים געבעטן ער זאָל אים מוחל זיין, און ער זאָל ווידער מאַכן זיינע תנועות, ווייל אַלץ גייט נאָך דער כוונה.

## די מעלה פון אַ חזן וואָס איז געוואָרן אַלט, און זאָגט אַליין, אַז דער ציבור זאָל באַשטימען אַ נייעם חזן אויף זיין אָרט.

**לט. וכמה,** און ווי שטאַרק דאַרף מען ליב האָבן אַזא חזן וואָס איז שוין אַלט געוואָרן, און זיין כח איז שוואַך געוואָרן, און זיין קול איז פאַרענדערט געוואָרן, און ער זאָגט אַליין צו דעם קהל אַז זיי זאָלן אויפנעמען אַן אַנדערן חזן, איז דאָס אַ רעכטע עדות אַז די אַלע יאָרן וואָס ער איז געווען אַ חזן איז דאָס געווען לשם שמים, והא ראיה, יעצט ווען ער זעט אַז ער איז נישט ראוי דערצו, בעט ער דאָך אַליין אַז מען זאָל צונעמען אַן אַנדערן, דעריבער איז ער זייער באַליבט פאַר דעם אויבערשטן ברוך הוא. און דאָס פאַרקערטע דערפון קען מען שוין אַליין פאַרשטיין.

## אַ תפילה וואָס דער חזן זאָל בעטן אַז זיינע תפילות זאָלן אָנגענומען ווערן

**מ. וטוב,** און כדי די תפילות פון דעם שליח ציבור זאָלן אָנגענומען ווערן פאַר דעם אויבערשטן ברוך הוא, איז גוט אַז ער זאָל זאָגן די דאָזיגע תפילה:

## תפילה בלשון הקודש

שְׁמַע ה׳ תְּחִנָּתִי, ה׳ תפלתי יקח. ואם ביום מנוחתי לא תשמע, ביום צרתי אקראך כי תענני. ואם למלך בשר ודם אתפלל ואקרא כל היום ישמע תחנתי. גם אתה ה׳ טוב וסלח ורב חסד לכל קוראיך. חנני ה׳, כי אליך אקרא כל היום. ואם שמעת לחנה, מפני שהתנדבה בנה לעבודתך והשאלתו לקדושתך, שמע וקבל תפלתי, שאני מתנדב כל אשר לי לעשות רצונך ועבודתך. שמעה ה׳ תפלתי ושועתי האזינה, אל דמעתי אל תחרש. שאם שערי תפלה ננעלו, שערי דמעות לא ננעלו.

**למה** יאמרו, מבלתי יכולת ה׳ לקיים משאלותינו, אוטם אזנו משמוע, ואתם מתפללים אל אֵל לא יושיע. ועתה יגדל נא כח ה׳, כאשר

דברת לאמר. וקיים בנו מקרא שכתוב, והיה טרם יקראו ואני אענה, עוד הם מדברים ואני אשמע. ולפחות קיים בנו, והיה אחר שיקראו אענה, ואחר שידברו אשמע שועתם וזעקתם.

**למה** יאמרו הכסילים, לא יראה יה ולא יבין אלהי יעקב. אנא אלהי, אם חפצת שיאמינו אזן שומעת ועין רואה, ה׳ שמעה תפלתי ושועתי אליך תבא. שהנוטע אזן הלא ישמע, אם יוצר עין הלא יביט. הטה ה׳ אזניך ושמע, פקח עיניך וראה ושמע את דבריהם, אשר באו לחרף אלהים חי.

**למה** יאמרו המינין, עזב ה׳ את הארץ ואין לו עסק בנסתרותינו. לכן בקראי ענני אלהי צדקי, בצר הרחבת לי, חנני ושמע תפלתי. ואז יראו שאתה משגיח בפרטים ובוחן לבות וכליות.

**ולמה** יאמרו, כלו תפלות ישראל בני אל חי, לפי שכלו חסדיו מרחם אותם, ועת תפלתם חלף הלך לו. ואני תפלתי לך ה׳ עת רצון אלהים ברב חסדך, ענני באמת ישעך.

**ולמה** יחרפו למערכות ישראל לומר, אין בהם איש צדיק, שישמע ה׳ תפלתו. שה׳ תפלת צדיקים ישמע, וקרוב ה׳ לכל קוראיו, לכל אשר יקראוהו באמת. וגם כי תרבו תפלה איננו שומע. ה׳ אלהים, עד מתי עשנת בתפלת עמך, האזינה אלהים תפלתי ואל תתעלם מתחנתי, והקשיבה לי וענני, אריד בשיחי ואהימה. מקול אויב מפני עקת רשע, כי ימיטו עלי און ובאף ישטמוני.

**ולמה** יאמרו, אין סגולה בלשון הקודש, להעלות תפלתכם לפני מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, ומי בִקש זאת מידכם, והוא מצוה בלי תועלת, ותם לריק כוחכם. ועתה שמע אלהי את תפלת עבדך ואת תחנוני, הטה אלהי אזנך ושמע, פקח עיניך וראה ועשה בשביל אונאתי, דכל השערים ננעלו חוץ משערי אונאה, ויראו כל בשר כי פי ה׳ דבר.

**למה** יאמרו האפיקורסים, שאתה אכזרי משמוע תפלתנו. שמעה ה׳ בקולי, תהיינה אזניך קשובות לקול תחנוני. ואם קרוב ה׳ לנשברי לב, איה קרבתך לשברון לבי ורוחי אליך, קוה קויתי ה׳, ועתה מה קויתי ה׳, אם לא תשמע. הטה אזניך אלי ושמע שועתי וחזק אהבתי עמך, שאהבתי שישמע ה׳ קול תחנוני.

**ולמה** יאמרו שאתה גאה. גלה נא ענותנותך לכל, כי ימינך פשוטה לקבל תפלתינו ברצון ואהבה, כי אתה שומע תפלת כל פה. ובמה יִוָדע איפוא מציאותך עתה שאין עוד נביא ולא אתנו יודע עד מה. עתה שהסתרת פניך ממנו, עתה ששחה לעפר נפשנו, דבקה לארץ בטננו, כמו שבימי קדם היינו מראים מציאותך לכל העולם, אם לא תשמע שועתינו. ובמה יִוָדע, כי אתה תשלם לאיש כמעשהו, ולא עולם כמנהגו נוהג, אם לא תאזין לתחִנתינו. ואם למעני העומד בביתך היום לא תעשה, עשה למען שלמה עבדך אשר התפלל לפניך, ושמעת את תפלת עבדך ועמך ישראל אשר יתפללו אל המקום הזה, ואתה תשמע אל מקום שבתך אל השמים, ושמעת וסלחת. כן תעשה עִמי, העומד היום במקדש מעט בבית הכנסת, וגם עיני ולבי שם כל הימים. ואם היו אשי ריח ניחוח לפניך תמידין ומוספין נדרים ונדבות שבבית מקדשך היו מקריבין. עתה שנחרב בית מקדשינו ונשלמה פרים שפתינו, תכון תפלתי קטורת לפניך משאת כפי מנחת ערב. ואל תראה פשעי ועוונותי לסתום תפלתי מעלות אליך, כ״א שמוע תשמע תפלתי. האזינה תחנוני באמונתך ענני בצדקתך, ואל תבא במשפט את עבדך, כי לא יצדק לפניך כל חי.

**ואם** לא תשמע אתה ה׳ תפלתי, למי אפנה ולמי אתחנן ולמי אשא עיני וכפי, האם אשים בשר זרועי, האם אבטח על משענת קנה הרצוץ משאר הנמצאים, שיקבלו שועתי ותחִנתי, הלא מידך הכל, ומי זה אמר ותהי ה׳ לא צוה. אנא אלהי, שמע קול תחנוני בשועי אליך, בנשאי ידי אל דביר קדשך.

## אַ תפילה וואָס דער חזן זאָל זאָגן ווען מען באַשטימט אים אַלס שליח ציבור

**מא. עוד,** איך האָב געפונען נאָך אַ תפלה, וואָס דער שליח ציבור זאָל זאָגן, ווען מען נעמט אים אויף פאַר שליח ציבור.

**ה'** שפתי תפתח ופי יגיד תהלתך. אתה הוא ה' אלהי האלהים, אשר גדול אתה וגדול שמך בגבורה, האל הגדול הגבור והנורא, גדול העצה ורב העליליה, אשר עיניך פקוחות על כל דרכי בני אדם. ממכון שבתך השמים, תשגיח על כל יושבי ארץ. היוצר יחד לבם, המבין אל כל מעשיהם. הזן ומפרנס מקרני ראמים עד ביצי כנים. עיני כל אליך ישברו, ואתה נותן להם את אכלם בעתו של כל אחד ואחד. והשגחתך מפורסמת לעיני כל יצוריך בכללם וגם בפרטם, ובפרט על יציר כפיך הוא האדם אשר תפקדנו לבקרים תבחננו לרגעים, ודרכיו אתה רואה וכל צעדיו תספור. ואני עבדך בן אמתך, לשמע אוזן שמעתיך, ועתה ראתה עיני השגחתך עלי רימה ותולעה, צל עובר, ציץ נובל, עפר ואפר כמוני. לעשות עמי חסד, להקימני מעפר ומאשפות הרימותני, להושיבני עם נדיבים נדיבי עמך, ומאחר עלות הביאותני, לעמוד לשרת לפניך ולברך בשמך. ועתה מה אשיב לה' כל תגמולוהי עלי. ואילו פי מלא שירה כים, ולשוני רנה כהמון גליו, ושפתותי שבח כמרחבי רקיע, ועיני מאירות כשמש וכירח, וידינו פרושות כנשרי שמים, ורגלינו קלות כאילות, אין אנו מספיקין להודות לך וכו'. לכן ידי שמתי למו פי, ולך דומיה תהלה, לפי שחנוניך הם חנונים ומרוחמיך הם מרוחמים, ככתוב את אשר תחון יוחן וכו', לכן במתנת חנם אני מתחנן ומתפלל לפניך, שתענה עתירתי, ותשמע תפלתי, ותתן לי קול נעים וערב וחזק מעתה ועד עולם. ואל יפסק קולי, ואל יחר גרוני, ולא אֵבוש במעני, ולא אִכָשל בלשוני.

**ואהיה** רצוי בעיניך ובעיני כל רואי. ונתתה לעבדך לשון לְמודים, לדעת לָעות את יעף דבר, יעיר בבוקר בבוקר, יעיר לי אוזן לשמוע כלימודים. ויהיו ערבים דברי באזני שומעיהם. והאר פניך על

עבדך, והאר עיני בתורתך, ודבק לבי במצוותיך, ואל תביאני לידי נסיון ולא לידי בזיון, ולא יבא לידי שום חטא ועון. ותצילני מעין הרע ומיצר הרע ומשנאת הבריות. ואל ילעיגו הבריות עלי ולא על דברי, אלא תהיה עם פי בהגיוני, ותורני מה שאומר בלי שום פקפוק. הסר ממני עקשות פה, ולזות שפתים הרחק ממני. וחנני ושמע תפלתי, כי אתה שומע תפלת כל פה. יהיו לרצון אמרי פי וגו'.

**ביים דאַווענען זאָל דער חזן אין זינען האָבן, ס'זאָל פאַרגעבן ווערן די זינד פון זיינע צוהערער, און משפיע צו זיין אויף זיי אַ סאַך השפעות טובות וכו', אַזוי ווי דער כהן וואָס איז מקריב קרבנות.**

**מב. וצריך,** דער חזן דאַרף מכוון זיין אין זיין תפילה, אַז דער אויבערשטער ברוך הוא זאָל פאַרגעבן די עבירות פון דעם קהל, אַז עס זאָל זיי נישט דערגרייכן קיין שום שאָדן ח"ו. ווייל די תפילה איז אויף דעם אָרט פון אַ קרבן, און אַזוי ווי אַ קרבן איז מכפר, אַזוי איז די תפילה אויך מכפר, און דער חזן איז אויף דעם אָרט פון דעם כהן וואָס איז מקריב דעם קרבן, און בענטשט דאָס פאָלק.

**מג. וכן,** דערויף קענסטו זען אַ רמז אין פרשת נשא, אין דעם נשיא וואָס האָט מקריב געווען דעם ערשטן טאָג, דאָס איז געווען "נחשון בן עמינדב". שטייט דאָרט אין פסוק "**ולזבח השלמים בקר שנים אילים חמשה עתודים חמשה כבשים בני שנה חמשה זה קרבן נחשון בן עמינדב**". די ווערטער "**ח**'משה **ז**'ה קרבן **נ**'חשון", זענען די ראשי תיבות "חזן", און אינמיטן איז דאָס וואָרט "קרבן", צו ווייזן, אַז יעצט, ווען דאָס בית המקדש איז חרוב געוואָרן, זאָל דער חזן מכוון זיין אין זיין תפלה, אַז דער אויבערשטער ברוך הוא זאָל מוחל זיין די עבירות פון דער גאַנצע קהילה, און ער זאָל אויף זיי משפיע זיין א שפע פון ברכה, מיט בני, חיי און מזוני, זיי זאָלן האָבן קינדער און לאַנג לעבן און האָבן פרנסה.

**מג. ונרמז,** און דעריבער איז מרומז דער חזן אין דעם פסוק וואָס רעדט וועגן דעם קרבן פון נחשון בן עמינדב, מרמז צו זיין, אַז דער חזן זאָל זאָגן: רבונו של עולם, "**עמי נדבי**", מיט מיר זאָלסטו באוויליגן מיין פאָלק. הער צו מיין תפילה, און פאַרנעם מיין געבעט, גלייך ווי זיי האָבן מקריב געווען דעם קרבן פאַר דיר, און זיי מכפר אויף זייערע זינד, צו מאַכן רוען דיין שכינה צווישן זיי אויף אייביג, אמן סלה.

❁ ❁ ❁